דברי הדרכה והכנה לחג הפסח

# מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

שב"ק פ' תזריע שנת תשפ"ד לפ"ק – בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב דסאטמאר וויליאמסבורג

### זיך צוגרייטן צום יום טוב

ס'קומט די יו"ט פסח, אונז האב מיר איינגעפירט צו לערנען ספה"ק דרך פקודיך, וואס איז א מורא'דיג ספר, דער הייליגער בני יששכר האט דאס מחבר געווען אויף אלע מצוות, ובפרט אויף די מצוות פון פסח, און בגודל קדושתו האט ער זיך אראפגעלאזט, און עס געשריבן מיט א לשון אז יעדער איינער פון אונז קען עס פארשטיין, סיי בעלי בתים און סיי תלמידי חכמים, הקטנים עם הגדולים, יונגעלייט מיט בחורים, און ער צוטיילט יעדע מצוה, עקסטער די חלק המעשה און עקסטער די חלק הדיבור און עקסטער די חלק המחשבה. יעדער איינער וואס לערנט דעם ספר, וועט אים בלייבן די טעם מצה אין מויל.

אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן (פסחים קיט:), כדי עס זאל אים בלייבן די טעם מצה, וואס מיינט דאס די טעם מצה?, עס מיינט נישט די גשמיות'דיגע טעם פון די מצה, נאר די טעם מצה מיינט די קדושה און די הייליגקייט פון די מצוה, דאס זאל אים בלייבן אין מויל, און דאס זאל אים באגלייטן נאך יו"ט אויך.

ס'שטייט אין אלע ספרים, אין קדושת יו"ט פ' וישלח שמועסט ער עס אויס באריכות, אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אבער אויף די הכנה למצוה, אויף דעם באקומט מען יא שכר אויף די וועלט.

דאס זאגט די מדרש, אחור וקדם צרתני, די מעשה דאס איז בבחינת אחור וואס מ'טוט שפעטער, און די הכנה דאס איז בבחינת וקדם, וואס מ'גרייט זיך צו בעפאר די מצוה, זאגט דער מדרש, אם זכה אדם, און ער מאכט די ריכטיגע הכנה צו די מצוות, נוחל שני עולמות, הזה והבא, ווייל אויף די הכנה צו די מצוה, באקומט מען שכר אויף די וועלט.

עס קומט פסח אויפדערנאכט, א טאטע גייט פארציילן פאר די קינדער, און ער גייט מקיים זיין דעם והגדת לבנך כפשוטו, דארף ער זיך אנגרייטן יעצט פאר יו"ט וואס גיי איך זאגן פאר מיין קינד, עס גייט נישט אזוי פון זיך אליינס, אז דעמאלטס אויפדערנאכט געפינט ער אויס וואס צו זאגן, נאר מ'דארף זיך צוגרייטן צו דעם, ער גייט אריינלייגן אמונה אין זיין קינד וואס זאל אים באגלייטן א גאנץ יאר, ער גייט אים מסביר זיין דעם אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון וקדשנו במצותיו, די שמחה וואס מ'האט אז מ'איז מקיים די מצוות ה', וואס איז יו"ט פסח? נישט די שיינע טישטוך איז דער יו"ט פסח, אויך נישט די שיינע וויין פלאש און אויך נישט די שיינע בעכער, דאס איז אלעס דברים של מה בכך, יום טוב פסח איז דער זמן פון אמונה, א איד האט די זכיה צו עסן מצה, צו עסן מרור, עסן דעם אפיקומן, צו זאגן הלל, די מצות מצה און מצות מרור און אפיקומן, און די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, דארף מען זיך צוגרייטן צו דעם, ער דארף טראכטען וויאזוי גיי איך דאס אראפגעבן פאר מיין קינד.

*

### מצות אכילת מצה

שטייט אין ספרים (חתם סופר דרשות דף רנט.) מצ"ה איז ראשי תיבות (תהלים נד ט) מ'כל צ'רה ה'צילני.

שטייט אין תפארת שלמה (רמזי שבה"ג) די גרויסקייט פון די מצוה פון מצה, דאס איז אנדערש ווי אלע מצוות, יעדע מצוה וואס מען איז מקיים, איז עס א מצוה שעל גופו, מ'נעמט די לולב אין די האנט, און ווען מען ענדיגט די מצוה, לייגט מען עס אראפ, אזוי אויך ווען מען לייגט תפילין אויף די האנט אדער אויפן קאפ, און אויך אלע אנדערע מצוות, נאכדעם לייגט מען אוועק די מצוה, אבער די מצוה פון מצה גייט אריין אינעווייניג בפנימיות פון דעם מענטש, און עס איז אים מקדש ומטהר אלע זיינע בני מעיים, דאס איז אזויווי אכילת קדשים וואס דאס האט מקדש געווען דעם מענטש פון אינעווייניג, ווי די פסוק זאגט (ויקרא א יג) והקרב והכרעים ירחץ במים, דאס האט אויסגעוואשן א מענטש זיינע אברים פנימיים, ער נוצט א לשון וואס די גמרא זאגט (פסחים ל:) הסיקו בפנים, ווייל דאס כשר'ט א מענטש פון זיין פנימיות, און וועגן דעם ווערט מצה אנגערופן אין זוה"ק (תצוה דף קפג:) מיכלא דאסוותא, ווייל דאס איז א רפואה פאר די נפש פון א מענטש, און עס היילט אויס זיין פנימיות.

דער תפארת שלמה זאגט אז מצה איז ווי אכילת קדשים, נאך מער פון דעם שטייט אין חתם סופר אין א תשובה (חו"מ השמטות סימן קצ"ו), אז די מצוה פין אכילת מצה, דאס איז די איינציגע מצות אכילה וואס איז דא בזמן הזה, בעוה"ר האבן מיר נישט היינט קיין קרבן פסח און אנדערע קרבנות, די מצוה פון אכילת קדשים און תרומה, נאר איין מצות אכילה בכזית איינמאל א יאר, דאס איז די מצוה פון מצה פסח אויפדערנאכט.

די גמרא זאגט אין מס' פסחים (דף ל:) אמר רב, קדירות בפסח ישברו, ווייל די קדירות זענען א כלי חרס, און א כלי חרס ניצט נישט קיין הגעלה, נאר שבירה. אויב אבער הסיקו בפנים, קען עס יא ווערן כשר, זאגט די גמרא ואי מלייה גומרי שפיר דמי, אז מען פילט עס אן מיט קוילן ווערט דאס כשר.

שטייט אין אלע ספרים (זוהר בהעלותך קנג., של"ה פ' וישב) אז א יו"ד איז א כלי חרס, עפר מן האדמה (בראשית ב ז), און אויב חלילה מ'טוט א עבירה, באקומען די אברים א בליעת איסור, און עס פעלט אויס שבירה, דאס זענען די יסורין ל"ע.

אבער די מצוה פון מצה דאס גייט אריין פון אינעווייניג, עס איז הסיקו מבפנים, עס כשר'ט אויס פון אינעווייניג, ממילא ווערן אלע אברים אויסגערייניגט, און עס פעלט שוין מער נישט אויס קיין שבירה און די יסורין, וועגן דעם איז מצה ראשי תיבות מכל צרה הצילני, דאס איז מציל פון אלע צרות ועגמת נפש.

פארשטייט אבער יעדער איינער, אז דאס 'ואי מלייה גומרי' נוצט, אויב אבער מען לייגט אריין אויסגעלאשענע קוילן איז גארנישט ווערד, דאס דארף זיין הייסע ברענעדיגע קוילן, מ'דארף מקיים זיין די מצות מצה און סיפור יציאת מצרים מיט א התלהבות אש, מיט א פלאם מיט א ברען, נאר אזוי איז די מצוה מקדש ומטהר, ער זאל שפירן א שמחה און התרוממות הנפש אז ער איז זוכה מקיים צו זיין די מצוות ה', און דעמאלטס וועט אים דאס ברענגען א קדושה, דעמאלטס וועט די מצה זיין א מיכלא דאסוותא, עס זאל אים ברענגען א רפואת הנפש, און דעמאלטס וועט זיין מ'כל צ'רה ה'צילני ראשי תיבות מצ"ה, עס זאל אפהיטן פון אלע צרות און יסורין.

*

## די שטוב זאל זיין בצניעות

ס'קומט פסח ביינאכט, א הייליגע נאכט פון א גאנץ יאר, עס עפענען זיך אויף די שערי שמים צו משפיע זיין פאר אידישע קינדער אלע השפעות טובות, די מצה ווערט אנגערופן לחם עוני, לחם שעונין עליו דברים הרבה (פסחים קטו:), מ'שיקט פון הימל אלע השפעות טובות. שטייט אין זוה"ק - עס איז דא וואס זאגן עס פסח ביינאכט פקודא בתר דא (בא רע"מ דף מ:) - אז ווען א איד דערציילט סיפור יציאת מצרים, רופט דער אייבערשטער צוזאם אלע מלאכים און די פמליא של מעלה און ער זאגט, קומטס קוקן וויאזוי א איד פראוועט דעם סדר, און דאס ברענגט אריין אין שטוב די גרעסטע ברכה, בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך (שמות כ כא).

אבער די פסוק זאגט (דברים כג טו) ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, דער אייבערשטער קומט צו א איד אין שטוב פסח אויפדערנאכט אזוי ווי דער זוהר זאגט, אויב אבער ער זעהט אז דא גייט מען נישט צניעות'דיג, זאגט ער, אנטשולדיגט דא קען איך נישט אריינקומען, זאל זיך א איד פארשטעלן אז ער האט אזוינע געהויבענע געסט, די מלאכים ופמליא של מעלה, כביכול הקב"ה אליינס שטייט ביי די טיר און וויל אריינקומען, און ער לאזט אים נישט אריין, ווייל ביי אים און שטוב איז מען נישט נזהר און צניעות. דארף מען זעהן נזהר צו זיין אין עניני צניעות און אלע פרטים.

*

## זיך צוגרייטן צום יום טוב

פסח איז דא אסאך מנהגים, צו זיך נישט מישן, צו אנדערע חומרות, מען דארף מען שטארק מקפיד זיין, נישט אוועקצוגיין פון וואס מ'האט געזעהן ביי די עלטערן און די זיידעס, די פסוק זאגט (תהלים קלט ה) אחור וקדם צרתני, אחור דאס איז די שפעטערדיגע דורות, וקדם דאס איז די פריערדיגע דורות, צרתני, אויף די וועג דארף מען מקיים זיין די מצוות ה', 'וקדם' איז מיט א וי"ו החיבור, מען דארף זיך מקשר זיין זיך מיט די פריערדיגע דורות און אנהאלטן מסורת אבות, טאמער חלילה נישט, ווערט מען אפגעהאקט פון די פריערדיגע דורות, אז ער וועט אראפגיין אביסל היינט, ווי ווייטער וועלן שוין זיינע קינדער גיין.

*

# אכילת אפיקומן זכר לפסח פון לעתיד לבא

שטייט אין ייטב לב פרשת כי תבא, זאגט דער זיידע ז״ל, ער טייטשט אויס דעם פסוק שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה, די גמרא זאגט כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, ווער ס׳איז מתאבל אויף ירושלים וועט זוכה זיין און זעהן שמחת ציון וירושלים, איז ער מדייק ס׳וואלט געדארפט ווען שטיין כל המתאבל על ירושלים יזכה ויראה, ער וועט זוכה זיין און ער וועט זעהן נחמת ציון וירושלים, פארוואס שטייט זוכה ורואה.

זאגט ער אזוי, ווען איינער איז מתאבל אויף ירושלים, דארף גלייבן באמונה שלימה מיט א פעסטע אמונה אין ביאת הגואל צדק, אז דער אייבערשטער וועט העלפן ער וועט זיך מרחם זיין אויף אידישע קינדער, און ער וועט ארויסנעמען אידישע קינדער פון ביטערן גלות, ער וועט מקיים זיין שמחינו כימות עניתנו, ער דארף עס צו גלייבן מיט אזא פעסטע אמונה, ממש ווי ער זעהט מיט די אייגענע אויגן די גרויסע שמחה וואס גייט זיין ווען דער אייבערשטער וועט העלפן און אידן וועלן זוכה זיין צו זעהן די גאולה שלימה, די גרויסע שמחה וואס וועט זיין בשמים ממעל ועל הארץ מתחת, מ׳דארף עס גלייבן מיט אזא גרויסע אמונה אז מ׳זאל זעהן מיט די אויגן, ממילא אז מ׳זעהט עס מיט די אויגן פריידט מען זיך שוין מיט די שמחה פון לעתיד, ברענגט עס שוין אריין א שמחה אין הארץ.

כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, ער זעהט שוין מיט די אויגן די שמחת ציון וירושלים, ממילא אז ער זעהט עס שוין, פריידט ער זיך שוין, איז שוין דא א שמחה על שם העתיד. וועגן דעם זאגט ער שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה, די אלע וואס זענען מתאבל אויף ירושלים זאלן זיך שוין פרייען על שם העתיד וואס גייט זיין, און דאס אלעס קומט ווייל אני מאמין באמונה שלימה, מ׳גלייבט מיט אזא שטארקע אמונה, מיט אזא פעסטע אמונה ממש אז מ׳זעהט עס מיט די אויגן וואס גייט זיין, אזוי זאגט דער זיידע ז״ל אין ייטב לב.

מיט דעם קען מען פארענטפערן די קשיא פון צל״ח אין פרק ערבי פסחים, ער פרעגט מ׳האט מתקן געווען די סדר פון אכילת מצה, די סדר איז קודם עסט מען מצה און נאכדעם עסט מען מרור, פרעגט ער די קשיא מרור עסט מען על שם וימררו את חייהם, מצה עסט מען על שום שלא הספיק בציקם של אבותינו להחמיץ עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים וגאלם, איז דאך במציאות קודם געווען וימררו את חייהם, און נאכדעם איז געווען שלא הספיק בציקם של אבותינו להחמיץ, וואלט מען דאך געדארפט קודם עסן מרור און נאכדעם עסן מצה, אזוי פרעגט דער צל״ח.

נאר ס׳קען זיין אזוי, ס׳איז דאך נאך א טעם פארוואס מ׳עסט מצה, הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים, מצה איז לחם עוני, די מצרים האבן געגעבן פאר אידישע קינדער אין מצרים מצה וואס דאס איז א מאכל עבדים, א געמיינע מאכל, דאס האבן זיי געגעבן פאר כלל ישראל אין משך ימי עבדות, און דאס איז איין טעם פון אכילת מצה וואס שטייט אין ספרים.

לענינינו קען זיין אזוי, מיר געפינען יוסף הצדיק פאר די פטירה שטייט סוף פרשת ויחי, יוסף הצדיק זאגט (בראשית נ כד) אנכי מת ואלקים פקוד יפקוד אתכם והעלה אתכם מן הארץ הזאת, יעקב אבינו מיט יוסף הצדיקביידע האבן געזאגט נבואה פאר כלל ישראל אז ס׳גייט זיין א גלות מצרים, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב אבינו אל תירא מרדה מצרימה, אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה, הקב״ה האט מבטיח געווען אז אידישע קינדער וועלן ארויסגיין פון גלות מצרים, יעקב און יוסף האבן דאס איבערגעגעבן פאר כלל ישראל, כלל ישראל האט געגלייבט באמונה שלימה אין די נבואה פון יעקב אבינו און אין די הבטחה פון הייליגן באשעפער, אז הקב״ה וועט ארויסנעמען אידישע קינדער פון מצרים, מ׳האט זיי מגלה געווען ווי אזוי ס׳וועט זיין די גאולה, אז ס׳וועט זיין שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים וגאלם.

כלל ישראל אין די שווערע זמנים, בשעת ס׳איז געווען וימררו את חייהם, ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך, מיט אן עבודות הפרך, מ׳האט געארבעט ביטער שווער, כלל ישראל האט געדענקט די הבטחה די נבואה פון יעקב אבינו אז הקב״ה וועט זיך מרחם זיין אויף זיי, זיי האבן געגלייבט

**מיט אזא אמונה שלימה אין די הבטחה פון בורא כל עולמים, באותה שעה האבן זיי שוין געגעסן מצה אויף דעם וואס וועט זיין לעתיד,** אז דער אייבערשטער וועט ארויסנעמען אידישע קינדער פון מצרים און ס׳וועט זיין לא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ און ס׳וועט זיין מצה, זיי האבן אזוי געגלייבט אז זיי האבן עס ממש געזעהן מיט די אייגענע אויגן ווי אזוי ס׳וועט זיין.

ווען מ׳וואלט מתקן געווען צו עסן קודם די מרור און נאכדעם די מצה, וואלט מען געמיינט אז די מצה האט מען געגעסן שפעטער, וימררו את חייהם האט דאך נישט אנגעהאלטן ביז צו די לעצטע רגע, די גמרא זאגט אז בראש השנה פסקה עבודה מאבותינו במצרים, וואלט דאך אויסגעקומען אז מרור איז געווען קודם, במציאות איז עס טאקע געווען קודם, אבער מצה אין מצרים האט מען שוין געגעסן על שם העתיד, ווייל אידן האבן געהאט אזא פעסטע אמונה.

קען זיין וועגן דעם דער זוה״ק רופט אן מצה מיכלא דמהימנותא, מצה איז א מאכל פון אמונה, פארוואס איז די מצה א מאכל אין אמונה, בפשטות איז געווען וגם צדה לא עשו להם, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה, דאס איז פשטות. אבער לענינינו פארשטייט מען זייער גוט, מצה איז א מאכל פון אמונה, אידן האבן געהאט אמונה אין מצרים אין די שווערסטע **אידן האבן געגלייבט באמונה שלימה אין די הבטחה ואנכי אעלך גם עלה, דער אייבערשטער וועט ארויסנעמען אידישע קינדער פון מצרים, ס׳וועט זיין גרויסע נסים, זיי האבן געגלייבט באמונה שלימה ממש אזוי ווי זיי זעהן עס, ס׳איז געווען א** בחינה פון זוכה ורואה בשמחתה, זיי האבן עס געזעהן ממש מיט די אויגן מיט די גרויסע אמונה אין די הבטחה אין בורא כל עולמים, און וועגן דעם האבן זיי שוין געגעסן מצה אין די שווערע זמנים.

אונז עסן מיר אפיקומן זכר לקרבן פסח וואס אידן האבן מקריב געווען בזמן שבית המקדש היה קיים, אמת מען עסט וועגן דעם זכר לפסח, אבער יתכן לומר מען עסט אפיקומן **זכר לפסח, אויף די אמונה וואס אונז גלייב מיר אז דער אייבערשטער וועט העלפן ער וועט זיך מרחם זיין אויף כלל ישראל און ער וועט ארויסנעמען אידישע קינדער פון גלות, ס׳וועט קומען דער גליקליכער זמן, און אידן וועלן עולה זיין לירושלים בבנינה, מ׳וועט מקריב זיין א קרבן פסח** במועדו, בשמחה ובחדוה וועלן אידן מקריב זיין א קרבן פסח, ממילא עסט מען שוין יעצט אפיקומן זכר וואס אונז גלייב מיר באמונה שלימה, אז דער אייבערשטער וועט אונז ארויסנעמען פון דעם ביטערן גלות, דער אייבערשטער וועט העלפן אונז וועלן מיר נאך זוכה זיין צו עסן א כזית פון קרבן פסח בעיר הקודש ירושלים, מ׳עסט יעצט שוין אפיקומן על שם די קרבן פסח וואס מיר וועלן עסן לעתיד, ס׳איז א בחינה פון זוכה ורואה בשמחתה.

מ׳זאגט אין די הגדה, **כל דכפין ייתי וייכול כל דצריך ייתי ויפסח.** ייתי וייכול גייט ארויף אויפן כזית מצה, ייתי ויפסח גייט ארויף אויף די אפיקומן וואס איז זכר לקרבן פסח. כל דצריך ייתי ויפסח, מ׳עסט די אפיקומן זכר לפסח, וועלכע קרבן פסח, השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל, השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין, וואס דעמאלטס וועלן מיר עסן א קרבן פסח, עסט מען שוין יעצט די אפיקומן זכר פון דעם קרבן פסח לעתיד, און דאס ברענגט אונז שוין אריין א שמחה.

דער צירוף פון חודש ניסן איז ישמחו השמים ותגל הארץ, ווען דער אייבערשטער וועט העלפן דער גואל צדק וועט קומען וועט זיין ישמחו השמים ותגל הארץ, און מ׳פריידט זיך שוין יעצט, שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה, שוין יעצט איז מען מקיים די מצות אכילת אפיקומן בשמחה רבה על שם העתיד, וואס דער אייבערשטער העלפן אונז וועל מיר נאך האבן א זכיה צו עסן א כזית קרבן פסח.

ווען דער אייבערשטער וועט העלפן און דער גואל צדק וועט קומען, וועט אוודאי זיין ישמחו השמים ותגל הארץ, ס׳וועט זיין כל העמים תקעו כף, די גאנצע וועלט די גאנצע בריאה וועט טאנצן פאר שמחה ווען דער אייבערשטער וועט העלפן אז דער גואל צדק וועט קומען, ס׳וועט זיין א שמחה בעליונים ס׳וועט זיין א שמחה בתחתונים, די גאנצע בריאה, אלעס וועט זיך פרייען, ווען ס׳וועט זיין דאס גרויסע התגלות כבוד שמים אויף כלל ישראל, אוודאי וועט זיך די גאנצע בריאה שמים וארץ אלעס וועט זיך פרייען, אבער אידישע קינדער האבן מקדים געווען, אידישע קינדער פרייען זיך נאך איידער די גאולה איז געקומען, אונז פרייען מיר זיך על שם העתיד, מיר זענען מקיים די שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה, מ׳פריידט זיך שוין על שם העתיד.